בלומינג גראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות
תמוז - אב תשפ"ג
United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

## תושבי בלומינג גראוו דערפרייט צום ווידער-עפענונג פונעם "מינטליעף" געשעפט
זייט 4

## ענדגילטיגע טענות אקעגן וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט געשיקט צום העכסטן אפעלאט געריכט
זייט 3

## טאון און בלומינג גראוו קאנסערוועישן קאמיטע פארלאנגט "אוועק-רייד" מאכט איבער טאון באורדס
זייט 2

## ימין ושמאל תפרוצי ואת ד' תעריצי!
זייט 2

## וואך פון הרחבת גבולי הקדושה פורצת גבולים אין בלומינג גראוו!
זייט 11

## פראדוקטיווע פעולות אפצוהיטן נייע סטאנגעיט פארק לויט גדרי צניעות
זייט 6

## בלומינג גראוו לעבט מיט לעכטיגע זומער וואכן בצילא דמהימנותא פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א
זייט 12

# ימין ושמאל תפרוצי ואת ד' תעריצי!

ברוך השם! און א אום-אויפהערליכן הרחבת גבולי הקדושה, א קנאפע יאר נאך וואס כ"ק מרן אדמו"ר מ'צאנז זמיגראד שליט"א האט באזוכט צום ערשטן מאל אין די טעפען היל געגנט, וועלכע טוט ארייננעמען די גאסן פון בארנס ראוד, עימי ראוד, הארטאן ראוד און נארט ראוד, איז ברוך השם ברכת צדיק עשה רושם, ווען די פארגאנגענער שבת נחמו, איז פארגעקומען דער ערשטמאליגער הערליכער שבת היסוד אין די טעפען היל געגנט.

אין די לעצטערע מאנאטן, האבן ב"ה צענדליגע פאמיליעס איינגעקויפט הייזער אין די געגנט, ווי עס שטייט פילע הערליכע הייזער צום פארקויפן און צו פארדינגען, און בעזהשי"ת טוט זיך בויען א הערליכע נייע ישוב פון חסיד'ישע פרומע אינגעלייט, יראים שלמים וחרדים לדבר השם.

שבת נחמו, איז געווען דאס ערשטע מאל צוגעשטעלט א בית המדרש אינעם געגנט, קווארטירט אויף 154 בארנס ראוד, זייענדיג אויסשטאפירט מיט אלע צוגעהערן וואס א חסיד'ישע ביהמ"ד ברויך צו האבן. אנגעהויבן מיט א ווארימע מקוה, פילע שענק פון חומשים, סידורים וספרי קודש און אפילו אן עירוב ארום די בית המדרש, אז די מתפללים זאלן קענען ארומטראגן אינעם חצר, צום באקוועמליכקייט. א הערליכע ציבור אידן האבן זיך משתתף געווען ביי די תפילות, זייענדיג א גאר דערהויבענע שבת, ווי יעדער איינער האט געשפירט, ווי מען האט א טייל אינעם לייגן די יסוד, דער הנחת אבן הפינה און זיין פון די נחשונים המתחילים, אנצופאנגן אויסצושפרייטן די גבולי הקדושה פון עירינו בלומינג גראוו המעטירה.

די תפילות זענען פארגעקומען אויף א גאר ווארימע פארנעם, שבת צופרי נאכ'ן דאווענען, איז פארגעקומען א קידושא רבא, לרגל דעם עפענונג פונעם נייע בית המדרש און דעם התחדשות פונעם נייע געגנט. נאכמיטאג, איז פארגעקומען א שיעור אין פרקי אבות, דערנאך איז געווארן צוגעגרייט א ברייטע שלוש סעודות. נאכן בענטשן איז פארגעקומען א ווארימע רקידה לרגל דער מאורע אז עס מיט גרויס סייעתא דשמיא אנגעקומען לעשות את השבת וואס וועט בעזרת השם יתברך ווייטער אנגיין לדורותם עד ביאת הגואל.

דער עולם איז זיך צוגאנגען פונעם שבת מיט גאר ווארימע געמיטער, מיט א תפילה שלא יבוטל התמיד, אז פון יעצט און ווייטער, ביז ימות המשיח.



**שכונת טעפען היל, בלומינג גראוו**

זאל טעפען היל זיין א פינת יקרת פאר היימישע חסידישע אידן.

אין די איצטערע טעג טוט מען טאקע הערן, פון נאך און נאך אידן, וועלכע פלאנירן זיך ארייננצוציען אין די קומענדיגע טעג אין די געגנט, לקראת הימים נוראים הבאים לקראתינו לשלום, זיך צו קווארטירן און אנצוהייבן די ווינטער זמן, מיט אלעם צוגעשטעלט.

ווי געוועגליך, שטייט די יו. דזשעי. סי. מיט דירעקטע קאנטאקט מיט אלע איינוואוינער, זיכער צו מאכן אז סיי וועלכע הצטרכות מען ברויך האבן, זאל ווערן נאכגעקומען, אזויווי ווען מען האט געבויעט די געגנט ווי מען וואוינט איצטערט, אין סאוט בלומינג גראוו, צו העלפן סיי מיט די לאקאלע אינסטאנצן, צו מיט די שכנים אדער סיי ווי מען קען צולייגן א האנט, ארויסצוהעלפן די נארוואס ניי-געקומענע שכנים, אז די התחדשות זאל אנקומען אויף דער גרינגסטע פארמאט. כל ההתחלות קשות!

בבית השם נלך ברגש: אין די טעג ווערט אויך אויסגעארבעט א ספעציעלע שאורט-קאט, אז מען זאל קענען אריבערשפרייזן פון איין זייט בארנס ראוד צום אנדערן, צו קענען גרינגער אנקומען צום בית המדרש, סיי פון נאורט דרייוו און סיי פון הארטאן ראוד, א שאורט-קאט וועלכע וועט ברענגען די מתפללים ממש צום טויער פונעם שוהל.

מיר וואונטשן אן די אלע אידן, הצלחה וברכה, אחותינו את היי לאלפי רבבה, כה לחי! צלח ורחב, להרחיב גבולי הקדושה, להגדיל תורה ולהאדירה, ולנצח על מלאכת בית השם!

ובשם השם נעשה ונצליח!

# פרעצעדענטלאזער וואל סעזאן קומענדיגן נאוועמבער אין טאון און בלומינג גראוו

אריינגייענדיג אין דעם בעפארשטייענדן וואל סעזאן קומענדיגן 7' נאוועמבער קומט פאר א סענזאציאנאלע אנטוויקלונג ווען צום ערשטן מאל זייט דער טאון האט פארמירט איר ווארד סיסטעם בכדי צו פארמיידן אדער לכה"פ פארלענגערן דעם בלי און וואוקס פון אחב"י כ"י קודם אין דעם ווילעזדש און נאכדעם אין דעם טאון, זענען צוויי פון די זעקס ווארד זיצן ליידיג און אן קיין געמאלדענע קאנדידאטן וועלכע לויפן פאר ווידערוויילונג.

צו דער זעלבער צייט האט דער טאון סופערווייזאר ראבערט זשעראלאמען פארגעשלאגן א רעפערענדום אויפן שטים בעלאט אז דער טערמין פאר די איצטיגע וואלן זאל זיין פאר פיר יאר, א מהלך וואס ער האט אין דעם קורצן עבר שטארק אראפגעריסן דעם ווילעדזש, ביי זיינע פובליק הירינגס, פארן אדורכפירן.

צו דער זעלבער צייט איז בשעה טובה ומוצלחת אריינגעגעבן געווארן די נאמינאציע פעטיציע פון אונזער אלעמען באליבטן חשוב'ער קאונסילמאן ר' אלימלך שמשון שווארץ ני"ו וועלכער לויפט ווידעראמאל צו פארטרעטן מיט געטריישאפט תושבי בלומינג גראוו אין ווארד 4.

# ענדגילטיגע טענות אקעגן וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט געשיקט צום העכסטן אפעלאט געריכט

בשעה טובה ומצלחת, האט יו.דזשעי. סי. די וואך אריינגעגעבן די ענדגילטיגע טענות צום אפעלאט געריכט, אקעגן די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, פארלאנגענדיג אז די דיסטריקט ברויכט צושטעלן טראנספארטאציע, פאר די פריוואטע שולעס פאר עקסטרע צוואנציג טאג וואס די מוסדות זענען אפן אבער די סקול דיסטריקט איז פארמאכט.

דער קעיס, וועלכע ציהט זיך שוין פאר איבער צוויי יאר פון איין געריכט צום אנדערן, איז ענדליך געווארן אנגענומען אין די העכסטע אפעלאט געריכט די פארגאנגענע ווינטער און פאלגענד האבן מיר אריינגעשיקט אונזערע טענות, וועלכע טוט אנטהאלטן א דאקומענט פון נאנט צו הונדערט זייטן. די טענות זענען ערווארטעט צו ווערן אויסגעהערט אין געריכט אין סעפטעמבער, ווען דאן וועט דער געריכט אויך געבן א געלעגנהייט צו הערן די טענות


APL-2022-00181

To Be Argued By: Robert S. Rosborough IV
Time Requested: 15 Minutes

Court of Appeals
of the
State of New York

In the Matter of

United Jewish Community of Blooming Grove, Inc., Joel Stern, as Parent and Natural Guardian of K.S., M.S., R.S., B.S., and F.S., Infants Under the Age of Eighteen Years, and Yitzchok Ekstein, as Parent and Natural Guardian of J.E., C.E., M.E., and P.E., Infants Under the Age of Eighteen Years,

פון דער צד שכנגד.

בעזרת השם יתברך האפן מיר צו געווינען די פאלגענדע קעיס אין געריכט, וועלכע וועט בעזהשי"ת שפארן יערליך, שווערע טויזנטער דאלאר פער משפחה אין בלומינג גראוו, וואס שיקן זייערע קינדער אין די היימישע מוסדות התורה. ובשם השם נעשה ונצליח!

# תושבי בלומינג גראוו דערפרייט צום ווידער-עפענונג פונעם "מינטליעף" געשעפט

ווי דער עולם האט מיטגעהאלטן אין די לעצטערע מאנאטן, די פולע שווערינקייטן וועלכע איז אריבער ארום די געשעפט, סיי אין די מאנאטן ווען דער געשעפט איז געווען קווארטירט אין די טענט, ווען דער בעל הבית מו"ה יואל ראטה ני"ו האט זיך איבערגעשטרענגט מיט זיין לב טוב, שלא יבוטל התמיד, צוצושטעלן א גראסערי פאר די אייוואוינער וועלכע איז באמת נישט אנגעקומען לייכט, בכמות ובאיכות, פיזיש און פינאנציעל, אבער ר' יואל איז באמת ארויס פון זיין וועג, צוצושטעלן פאר'ן ציבור מער ווי די יושר'דיגע קאסטומער סערוויס צו די באקוועמליכקייט פון די קונדן.

דאס איז שוין אין צוגאב, צו די פילטעטיגע חסד וואס ר' יואל טוט אלס לטובת הציבור בהצנע לכת ובחפץ לב. אנגעהויבן מיט זיין פילע לייסטונגען פאר די וועכנטליכע שבת פעקלעך וועלכע ווערן ארומגעשיקט צו צענדליגע פאמיליעס עניי עירנו, ווי אויך די פולע ווערטליכע קיופאנס, וועלכע ווערט ארומגעשיקט בעפאר די ערבי ימים טובים ספעציעל פאר די בלומינג גראוו קונדן, צו קענען באקומען "דיסקאונטס" פאר יום טוב.

אלזא, יעצט ווען מען שטייט בעפאר מען גרייט זיך צו ווידער-עפענען די גראסערי, קוקט דער עולם ארויס מיט שפאנונג צום גליקליכן טאג, ווען ר' יואל וועט ווידעראמאל עפענען די גראסערי לשם ולתפארת ולתהילה, ווי דער געשעפט איז פיל מער שענער און מער צוגעשטעלט ווי בעפאר, מיט א פארברייטערטע עסן דעפארטמענטס, מילכיג, פליישיג און פרווע ווי אויך א צוגעשטעלטע ווארימע נאכטמאל צענטער און א פיש לאקאל, צו קענען קויפן פרישע פיש לכבוד שבת קודש, דורך די בארימטע ר' פישל'ס פיש מיקירי תושבי עירינו.

עס וועט זיין צוגעשטעלט פיל מער פארקינג-ערטער ווי בעפאר, אקעגן איבער די געשעפט אויף מענדזשין ראוד און ווי אויך איז אצינד צוגעבויעט א ספעציעלע גלאזערנע פארצימער פארענט פונעם געשעפט, וועלכע וועט האלטן דעם ארום זויבער, שענער און באקוועמער צו די באקוועמליכקייט פון די קונדן און פאר די בייפארער, דורכאויס צייטן פון רעגנדע און שווערע וועטערס.

מיר טוען איצטערט וואונטשן פאר ר' יואל, אינעם נאמען פון אלע איינוואוינער, פיל הצלחה וברכה וסייעתא דשמיא. השם יתברך זאל אים באצאלן פאר אלע זיינע גוטע טאטן און פאר אלע זיינע צדקה וחסד און ער זאל שטענדיג זעהן אך טוב וחסד, שפע ברכה רבה והצלחה בכל הענינים וחפץ ד' בידו יצליח!












GRAND REOPENING
Tues. 8/22/23
Celebration Sunday 8/27/23
10,000 SF of freshly-minted Kosher Shopping.
Welcome to the New
mintleaf
Kosher Market
By the FRESH FOODS PEOPLE™
5 Mangin Road, (Cor. Rt. 208) Blooming Grove
845.492.8777 | orders@mintleafkosher.com

# טאון אוו בלומינג גראוו קאנסערוועישן קאמיטע פארלאנגט "אווער-רייד" מאכט איבער טאון באורדס

דעם פארגאנגענעם פרשת שלח, איז אריינגעקומען אן אפיציעלע פארלאנג צום טאון סופערווייזער ראבערט דזשעראלאמאן, פון דער בלומינג גראוו קאנסערוועישאן אדווייזערי קאמיטע, צו באקומען א האפט און א ספעציעלע שטארקייט און דערמיט ווערן געטוישט פון א קאמיטע צו אן אפיציעלע באורד. ווי אויך טוט דער קאמיטע פארלאנגען אז די באורד זאל באקומען פולע רעכטן און אויטאריטעט, צו "אווער-ריידן" סיי וועלכע פארהאנדלונגען און אפראוועלס פונעם טאון פלענינג באורד און פונעם טאון זאונינג באורד, צו האבן דעם ענדגילטיגע ווארט ווען עס קומט צו באשלוסן פאר סיי וועלכע אפליקאציע פאר פראיקעטן, רעזידענשאל, אינדוסטריעל און קאמערשאל אינעם גאנצע טאון.

די דאזיגע קאנסערוועישן קאמיטע, באשטייט פון א גרופע אייננוואוינער פון די טאון אוו בלומינג גראוו, וועלכע האבן אין די פארגאנגענהייט פרובירט צו אימפלעמענטירן די פרעזערוועישן שטייער איניציאטיוו און דערמיט אפקויפן לאנד, צו אפהאלטן פון ווערן דעוועלאפט פאר הייזער און פאלגענד טוען זיי פרובירן אנדערע מהלכים וויאזוי אפצוהאלטן רעזידענשאל און קאמערציאלע פראיעקטן פאר'ן ציבור.

אין די איצטיגע טעג, טוט דער טאון איבערקוקן דעם פארלאנג און טוען איבערגיין וועלכע סארט מאכט צו געבן פאר די קאמיטע. די יו. זשעי. סי. האט זיך אריינגעלייגט דערין ראשו ורובו עס צוריקצוהאלטן, מיר וועלן האלטן דעם עולם אינפארמירט בעזהשי"ת.

מיר ברויכן אצינד אונטערשטרייכן דאס וויכטיגקייט פון האבן א געטרייען פארטרעטער מיט אן "עין רואה ואוזן שומעת" אינעם טאון אוו בלומינג גראוו, וואס די ידיעה פון דעם פארלאנג איז אנגעקומען צו די יו. זשעי. סי. דורך אונזער חשוב'ן טאון-קאונסילמאן מו"ה אלימלך שמשון שווארץ ני"ו, וועלכע טוט האלטן דעם ווילעדזש מיט די יו. זשעי. סי. כסדר אינפארמירט איבער אלע אנטוויקלונגען און דעוועלאפמענטס און האט אויך איבערגעגעבן פאר די יו. זשעי. סי. די אינפארמאציע איבער דעם דאזיגן פארלאנג.

# פראדוקטיווע פעולות אפצוהיטן נייע סטאונגעיט פארק לויט גדרי צניעות



ווי באריכטעט אין די פארגאנגענע וואכן, אויף די ווילעדזש פלאטפארמעס, גרייט זיך דער ווילעדזש צו בויען די נייע "סטאונגעיט פארק" אין די קומענדיגע וואכן בשטו"מ.

אזיווי דער נייע פארק איז קווארטירט גאר נאנט צו דער פובליק שווים-באסיין, וועלכע באלאנגט צו דער עידזש.או.עי. פון די טענעזשער אפארטמענטס, האבן די יו.דזשעי.סי. עסקנים זיך פארבינדן מיט די פירערשאפט פון די טענעזשער דעוואלאפמענט צו דיסקוסירן וואס מען קען טאן צוליב די געמישטע שווים-באסיין, וועלכע איז נישט געבויעט לויט די גדרי צניעות.

דער זיצונג איז געווען גאר פראדוקטיוו, ווי די עסקנים שיחיו און די טענעזשער פירערשאפט האבן זיך אויסגעקומען מיט א שטארקע פארשטענדעניש אפצוהיטן די רעליגיעזע שטעלונגען פון די היימישע אייננוואוינער פונעם ווילעדזש. די פירערשאפט האט איינגעשטימט צו בויען א ספעציעלע צוים פון גראז, וועלכע וועט ארומנעמען דעם באסיין פון אלע זייטן, אויף זייער אייגענע קאסטן.

דאס ברענגט נאכאמאל ארויס דעם כח השתדלנות פון די יו.דזשעי.סי. עסקנים, וועלכע זענען אייביג אויף די פראנט-ליניעס, זיכער צו מאכן און איינצוהאנדלען אלע עסקנות לטובת הציבור!

# שלושים יום
# קודם החג

ערווארט אין
אייער פאסט
קעסטל




United
Jewish
Community

Est. 2019

of Blooming Grove

שטייענדיג אין די טעג פונעם יארצייט פון מרן רבינו הקוה"ט זיעוכי"א, איז דערפרייענד צו זען אז די פעולות וואס מען האט אנגעהויבן פאראיאר איז נושא פירות, ויגעת ומצאת תאמין.

עס איז שוין געווען פאראיאר ווען מען האט בעזרת השם יתברך אנגעהויבן צו טון און דעם נושא פון רענטלס פאר אחב"י חסידישע אידן החרדים לדבר ד', און צוביסלעך איז עס ברוך השם געווארן דער טעמע העומד על הפרק און דער ברענענדיגער נושא וואס עס שטייט יעדן פאר די אויגן למען עתיד וקיום עירינו המעטירה.

ברוך השם, אז לא אלמן ישראל, בלומינג גראוו האט א פעסטע הנהגה רוחניות מיט אן אחדות פון אלע רבני עירינו בראש פון כ"ק אדמו"ר מ'זמיגראד שליט"א וואס איז בשכם אחד עומד בראש פון די מערכה, און שטייט על המשמר למען חומות הקדושה דא אין שטאט.

**אלזא, שטייענדיג נאך אונטער דעם רישומא קדישא פון דעם קול קורא בנוגע די רענטלס, טוען מיר מאכן חזרה און איבערדריקן דעם ארטיקל פון פאראיאר**

ויה"ר שתשרה שכינה בכל מעשי ידינו ושיתקדש שם שמים על ידינו וחפץ ד' בידינו יצליח להרחיב גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ד'!

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**



## בכוחו וזכותו של אותו זקן!

# דעם רבי'נס שטריימל

יואל שטערן – יצחק עקשטיין

הנה זה עומד אחר כותלינו. אָט שטייען מיר שוין ווידער אין די טעג אַרום דעם גרויסן יומא דהילולא קדישא פון אבינו רועינו רבינו הק' זי"ע, וואָס מיר תושבי שכונת בלומינגראוו המעטירה, פארמאגן די באַזונדערע זכי' צו זיין סמוך ונראה, ממלא צו זיין רצון קדשו פונעם הייליגן רבי'ן, וועלכער האָט בערוב ימיו אויפגעשטעלט דאָס פלאַץ מיט מסירת נפש, אלס א הייליג רואיג ווינקל וואו אידן זאלן קענען דינען השי"ת און מחנך זיין די קינדער מיט א הרחבת הדעת, ריין פון אלע שטאטישע איבלען און פראבלעמען און אפגעזונדערט פון די פרעמדע גאס, ביז משיח'ס טאג.

איינס פון די אומבאַגרייפליכע און די הימלישע אויפטואונגען וואָס דער הייליגער רבי זי"ע, דער עיר וקדיש משמיא נחית, האָט געטוישט אויף אייביג אין דעם ארץ לא זרוע – אדמת אמעריקע, איז אָן קיין צווייפל דער חסידי'שער לבוש, דער הייליגער שטריימל, וואָס איז יסודתו בהררי קודש פון די תלמידי בעש"ט הק', וואָס דער רבי האָט דאָ איבערגעפלאַנצט און אָנגעטון פאַר'ן ציבור תלמידיו וחסידיו, מיט אַ אידישן שטאָלץ און דערהויבנקייט, וואָס האָט ווירקליך משפיע געווען אויפ'ן גאַנצן כאַראַקטער פון אַמעריקע מיד ולדורות.

אַלע ווייסן אַז איידער דעם אָנקום פון דעם רעיא מהימנא קדישא איז דאָ, אויף דעם אייז- קאַלטן אַמעריקאַנער באָדן, נישט געווען אפילו קיין קלער אַז אַ איד זאָל גיין מיט אַ שטריימל אויף דעם גאַס אום שב"ק. דער שטריימל איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פרעמדער געוויקס אין דער טריפה'נער אַמעריקע.

אָבער דער רבי, מיט זיין כח הקדושה, האָט באַוויזן דאָס אומגלויבליכע ווען ער האָט אין יענע תקופה, אין די סאַמע בראשית יאָרן, אומאויפהערליך געמוטיגט און געפאָדערט אַז זיינע תלמידים זאלן אָנטון שטריימלעך אום שב"ק. דער ענין איז אים געגאַנגען בנפשו, זעהנדיג דערינען אַ געוואַלדיגער יסוד פאַר'ן עתיד הדורות, צו אַוועקשטעלן אַ אידישער ישוב ווי אַן אינזל וואָס איז אָפגעשיידט פון דער גאס און וואָס שטאָלצירט מיט זייער חסידי'שע טראַגע. וחפץ ה' בידו הצליח למעלה מן המשוער!

• • •

צווישן סאַטמאַרער חסידים איז באַקאַנט די עובדא אַז ביי דעם רבי'נס שבת אויפרוף, ווינטער שנת תרס"ד, איז זיין הייליגער פאָטער, דער קדושת יום טוב זי"ע, שוין געווען זייער אָפגעשוואַכט, ונר אלקים טרם יכבה ממש געציילטע טעג פאר זיין פטירה לחיי העולם הבא, און ווען דער קדושת יום טוב האָט אָנגעטון פאַר'ן רבי'ן זיין שטריימל צום ערשטן מאָל האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט בלש"ק: "חבש כובע ישועה בראשו, זאָלסט זיין אַ פועל ישועות פאַר אידישע קינדער".

אָט דער הייליגער "כובע ישועה", דער שבת'דיגער שטריימל, האָט דער רבי ווירקליך אָנגעטון פאַר אידישע קינדער און דערמיט געמאַכט אַן אייביגע מהפיכה אין די געוועזענע גוי'אישע געגנטער פון אַמעריקע.

דער צדיק הדורות האָט דערמיט געשטרעבט צו אַרויפשטעלן אַ נייע כאַראַקטער פאר די אַמעריקאַנער גאַסן. ער האָט געהאָפט - און ער האָט מצליח געווען - צו איינפלאַנצן טאַקע דאָ אין דער טריפה'נער אַמעריקע, אַ גייסט פון חסידי'שע ווארימקייט, אַ לעבן פון פרומע אידנטום, פונקט ווי אין דער אַלטער היים.

דעם רבי'נס "כובע ישועה" האָט אָנגעוואַרעמט די פאַרפרוירענע אייז. עס האָט באַשיינפערליך געטוישט דאָס אויסזען און די כאַראַקטער פון גאַנצע געגנטער. עס האָט אַריינגעברענגט דעם "שבת קודש" און דעם חסיד'ישן אויר אין אַזעלכע געוועזליכע גוי'אישע געגנטער ווי קראָון הייטס, וויליאַמסבורג און באָראָ פאַרק. לחיותינו כהיום הזה.

דער שטריימל איז פאַרבליבן אַ סימבאָל פון דער תקומה פון אידישקייט על אדמת אַמעריקע. דער שטריימל איז עד היום געבליבן דער סימן פון אַ חסידי'שע מקום, וואָס טוט באַשטעטיגן אַז דאָס איז אַן ערליך פלאַץ וואו מען איז אָפגעשיידט פונעם גוי און זיינע איבלען. כמה גדולים מעשי חייא שפעל ועשה שלא תשתכח תורה מישראל!

מ'איז קיין סוד אַז בלומינגראוו, אונזער באַליבטע עיר ואם בישראל, גייט אַריבער אין דער לעצטער תקופה אַ "דירות קריזיס", אויף אַ פאַרנעם ווי קיינמאָל בעפאָר. דאָס איז אַ פאַקטאָר וואָס באַאומרואיגט און לאָזט נישט במנוחה די עסקני ושלוחי הציבור, איבערהאַלב די פאַראייניגטע אידישע קהלות, די "יו. דזשעי. סי." וועלכע לייגן אַריין אַלע באַמיאונגען צו ברענגען אַ לעזונג און אַרויסהעלפן די לאַגע.

די אַרבעט פון הרחבת גבולי העיר קאָנצענטרירט זיך אויף עטליכע באַזונדערע פראָנטן. צום אַלעם ערשטן גאַלאָפירט די פראַגרעס וואָס וועט ערמעגליכן אַז אידן זאלן קענען אויסברייטערן הייזער מיט אַן הרחבה, ווי עס וועט בעז"ה געמאָלדן ווערן גאָר גינסטליכע נייעס אויף דעם הינזיכט אין די גאָר נאָנטע טעג און באַזונדער איז מען אַקטיוו צוצואיילן דעוועלאָפער פון גרעסערע פראָיעקטן זיך צו רוקן פאָראויס לטובת בני העיר פאַר'ן לאַנגען טערמין.

ביתר שאת זעצט פאָר די עבודת הקודש צו אויסברייטערן די גבולות העיר, כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ, מיט פרישע בליענדע געגנטער, וועלכע וועלן בעז"ה זיין אַ געבענטשטע לעזונג מיט אַ שפע פון הערליכע הייזער. סיי אין די אויפגעכאַפטע "בארנס" געגנט און דאָס זעלבע אין די "מאפעט רידזש" אומגעגנט אין וואשינגטאנוויל, וואו בלומינגראוו וועט זיך אויסברייטערן מיט נאָך הונדערטער בתים נאמנים בישראל על מי מנוחות.

• • •

אָבער טאַקע דערפאַר איז שוין העכסט – צייט צו אַדרעסירן אַ גאָר וויכטיגע איניציאַטיוו וואָס טאָר נישט וואַרטן מיט קיין איבעריגע מינוט. עס איז די רעדע פון די הערליכע "טענעדזשער" גאַס, דאָ אין דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו.

דאָ האַנדלט זיך עס פון אַ גאס וואָס איז געבויעט אויף אַ באַקוועמען אויסשטעל, מיט אַ היימישן טעם, ממש ווי צוגעפאַסט פאר חסיד'ישע פאַמיליעס, מיט ברייטע ראָודס, גרויסע לופטיגע גראונדס, גענוג פאַרקינג, א.א.וו. און איבער אַלעם: די הייזער זענען ניטאַמאָל קיין שפאַן אַוועק! זיי געפינען זיך אייגנטליך אין סאַמע צענטער, אין האַרץ פון אונזער שטאָט!

די גאס און אַרום אַנטהאַלט דעם ציפער פון רמ"ח הייזער. דאָס איז צוויי הונדערט אַכט און פערציג! הייזער וואָס זענען דאָ הינטער אונזערע פענסטער. וואָס אַריבער 150 דערפון זענען שוין פאַקטיש אונטער די אייגנטום פון אחינו בני ישראל, לאָקאַלע איינוואוינער דאָהי אין בלומינגראוו אָדער קרית יואל.

**די האַרבע שאלה איז נוקב ויורד: וויאַזוי קען דאָס זיין אַז אין דער צייט וואָס אידן בלוטיגן פאר דירות און פאר עפאָרדעבל רענטלס, איז נאָך כהיום נישט פאַרהאַן נאר "צוויי" אידישע איינוואוינער אויף דער גאַנצער גאַס?!, בעת וואָס 150 הייזער באַלאַנגען שוין פאַר אידישע אייגנטומער?! וויאַזוי מעגן מיר צולאָזן אַזאַ ערשיינונג פאר אונזערע אייגענע ברודער, פאר אונזער אייגענע געגנט?**

טייערע אידן, עס איז שוין געקומען די צייט צו ערשיינען מיט אן עפענטליכן אויפוואַכונג רוף: מיר מוזן טון צו דער זאַך!

מיר דאַרפן פשוט זיך צאמקלויבן בעצה אחת ובדעה אחת און טון דעם זעלבסט פאַרשטענדליכן אחריות'דיגן און מענטשליכן שריט, צו פאַרדינגען די הייזער פאַר אידישע טענענטס, און אינזין האָבן אונזערע אייגענע ברודער בגשמיות וברוחניות.

• • •

**בלומינגראַווער אידן גייען בעזר השי"ת "אַריינברענגען דעם רבי'נס שטריימל" אין נאָך אַ געגנט דאָ אין ווילעדזש!**

מיר גייען זיכער מאַכן אַז אין דער נאָנטער צוקונפט וועט מען זען אויף די גאַסן פון "טענעדזשער" חסיד'ישע שטריימלעך, ווייסע טליתים און געבלומטע בעקיטשעס! מיר גייען דאָרט אַריינברענגען דאָס לעכטיגקייט פון אַ שבת קודש, דאָס ווארימקייט פון אידישע שטיבער, און די פלאַם פון אַ סאַטמאַרער היימישע געגנט, פונקט ווי מיר האָבן עס געטון מיט אַזויפיל סייעתא דשמיא אין "ווארלי הייטס", אין "לעיק שאור" און אין "קעפיטל הילל".

ואין חכם כבעל הנסיון! פאר אונז תושבי בלומינגראוו דאַרף מען נישט צופיל ערקלערן וויאַזוי מען באַלייכט אַ געגנט מיט דאָס ליכטיגקייט פון תורה און חסידי'שקייט, מיר קענען דאָס שוין פון אייגענע ערפאַרונג, בדוק ומנוסה, און מיר ווייסן אויך אַז דאָס איז נישט קיין "על מנת שתעלה לרקיע". עס פאַרלאַנגט בלויז אַביסל אַנטשלאָסנקייט און גרייטקייט צו פאַרלייכטערן דעם מצב און אַרומנעמען דעם געגנט מיט אַ חומה בצורה פון אידישקייט און ערליכקייט.

טייערע ברודער, החלצו חושים! לאָמיר זיך אויסברייטערן קיין "טענעזשער" ראָוד, ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו.

אין די יעצטיגע טעג ווערט, מטעם די יו. דזשעי. סי., אַרויסגעשיקט פערזענליכע בריוו צו אַלע היים אייגנטומער וועלכע פאַרמאָגן הייזער אין דעם געגנט, צו פאַרשטיין אונזער חובת השעה אין אַזאַ צייט און צו באַגרייפן די אויסטערלישע זכי' פון אַזאַ זיכוי הרבים לדורות עולם.

טייערע ברודער היים אייגנטומער אויף דער גאס! איר האָט אַצינד די זעלטענע געלעגנהייט צו זיין אַ ריכטיגער עוסק בצרכי ציבור באמונה, מיט דעם גרעסטן זכות פון העלפן בויען אַ אידישע שטאט, אַן עיר ואם בישראל מיט לעכטיגע אידישע הייזער. איר וועט דערמיט האָבן אַ יסודות'דיגן און אייביגן חלק אין אַלע זכותים, אין אַלע אידישע שטיבער וואָס וועלן ערצויגן ווערן אויף דעם אָרט און וועלן פון דאָ זיך אויפהייבן און מיטפאָרן קיין ירושלים עיה"ק בימינו בקרוב.

ימין ושמאל תפרוצו, ואת ה' תעריצו: לאָמיר אַריינברענגען דעם הייליגן שטריימל, דעם הייליגן כובע ישועות פון רבינו הקדוש זי"ע בכמות ובאיכות, דעם חסידי'שן ישוב, קיין "טענעדזשער" ראָוד, און לאָמיר דאָרט זוכה זיין צו די הייליגע השראת השכינה, שתשרה שכינה במעשי ידינו, בזכותו ובכוחו של רבינו הק' מייסד עירינו זי"ע, לכונן עיר מושב עד ביאת הגואל!

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**

# בלומינגראוו באחדות

יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

בס"ד

## שלום וישע רב אל מע"כ ידידינו הרבני החשוב שיחי'
## אתה ה' לעולם תשמרו וכצנה רצון תעטרו.

אחר דרישת שלומו הטוב בכבוד הראוי, איז אונז אַ פּריוויליגע זיך צו ווענדן צו מע"כ הי"ו, זיך צו איבערשמועסן ווי גוטע ברודער, **"כדבר איש אל רעהו", מיט א קריאה של חיבה בנוגע די לעכטיגע גאָלדענע עתיד פון אונזער הייליגע שטאָט**, בלומינגראוו המעטירה. ותשועה ברוב יועץ.

אַלס אַן אייגנטומער פון אַ הויז אין די הערליכע "טענעדזשער" גאַס, דאָ אין דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, זענט איר דאך נאָנט באַקאַנט מיט די אויפבליה פון אונזער שטאט, וואָס איז ב"ה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן עיר ואם בישראל במלוא מובן המלה, דורך נאָך אַ יחיד און נאָך אַ יחיד, אידן וועלכע האָבן זיך אַהער אַרויסגעצויגן, טראָץ אַלע שוועריגקייטן און אומבאַקוועמליכקייטן, און געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל צו אויפבויען אַ אידישע שטאט מיט אן ערליכן כאַראַקטער, וואו מ'זאָל קענען מגדל זיין דורות נאמנים מיט אַ הרחבת הדעת אין אַ היימישע סביבה.

איר האָט דאָך עס אליינס מיטגעהאַלטן פון דער נאָנט די האָרעוואַניע און די שוועריגקייטן וואָס די איינוואוינער זענען אַריבער ביז אַהער, ביז מען האָט דערגרייכט דעם יעצטיגן מאָמענט ב"ה, און דאס איז דאך אייגנטליך די סיבה פארוואס איר האט איינגעהאנדלט די דירה אויף די "טענעדזשער" גאַס, כדי צו זיין אחד מן החבורה, צו זיין א חלק פונעם הצלחה און סוקסעס, צו זיין א חלק פון די היסטאריע וואס מען האט ברוך השם עררייכט! **און טאַקע דערפאַר ווענדן מיר זיך צו אייך מיט אַ האַרציגע געבעט: ביטע העלפט אונז אַרויס לעכטיג מאַכן די גאַנצע כאַראַקטער פון דער שטאָט, דורך עפענען די טויערן פון די "טענעדזשער" גאס פאר אחינו בני ישראל, אונזערע אידישע ברודער וועלכע קוקן אַרויס אויף אַ לייטישע דירה אין דער געגנט!**

דאָס טרוקענע מציאות איז אַז היינט צוטאָגס זענען פאַרהאַן אַריבער 150 הייזער אויף דער "טענעדזשער" גאס און אַרום, וואָס באַלאַנגען שוין פאַקטיש אונטער די אייגנטום פון אחינו בני ישראל, לאָקאַלע איינוואוינער דאָהי אין בלומינגראוו אָדער קרית יואל.

און די האַרבע שאלה פרעגט זיך ווי פון זיך אליינס: **וויאַזוי קען דאָס זיין אַז אין דער צייט וואָס אידן בלוטיגן פאר דירות און פאר עפּאָרדעבל רענטלס, איז נאָך כהיום נישט פאַרהאַן** <u>**נאר צוויי אידישע איינוואוינער אויף דער גאַנצער גאַס**</u>**?! וויאַזוי מעגן מיר צולאָזן אַזאַ ערשיינונג פאר אונזערע אייגענע ברודער, פאר אונזער אייגענע געגנט ?!**

טייערע אידן, ס'איז געקומען די צייט אַז מיר זאָלן אינאיינעם טון צו דער זאַך! לאָמיר זיך צאמקלויבן בעצה אחת ובדעה אחת און טון דעם זעלבסט פאַרשטענדליכן שכל'דיגן און מענטשליכן שריט, **צו פאַרדינגען די הייזער פאַר אידישע טענענטס! אינזין האָבן אונזערע אייגענע ברודער בגשמיות וברוחניות!**

שוין אָפּגערעדט אַז אייער נאָבעלע שריט וועט זיך אויסצאָלן **אפילו בגשמיות מיט הונדערט פּראָצענטיגע רוחים אויפ'ן פלאַץ!** ווי יעדער פאַרשטייט אַז אין דער מינוט וואָס דער גאס וועט ווערן באַזעצט מיט אידישע משפחות וועט די "ווערט" פון אייער אינוועסטמענט זיך דאָפּלן איבערנאַכט. ס'איז די שענסטעביישפּיל פון אַ ריכטיגע "אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא", ווען מיט דעם זעלבן שריט קענען מיר זוכה זיין צו העלפן אידישע קינדער, אויפבויען אַ געגנט און גלייכצייטיג פאַרדינען אויפ'ן אָרט כפלי כפליים.

לאָמיר, טייערע אידן, דאָס מסדר זיין אינאיינעם! לאָמיר טון דעם ריכטיגן שריט בעיני אלקים ואדם, און ס'איז נישט קיין ספק אַז השי"ת וועט אייך באַצאָלן פאר די געוואַלדיגע זכי', פון אויפבויען אַ הייליגע שטאָט מיט לעכטיגע אידישע הייזער. איר זענט אן אינטעגראלער שותף אין די מלאכת הקודש און דאָס פאַרבלייבט אייער זכות בזה ובבא, צו ווערן געבענטשט מיט אַלע ברכות און השפעות טובות אמן.

ווי עס שרייבן מיט שעצונג און הכרת הטוב, בשם כל תושבי העיר, בשם ה' נעשה ונצליח

## פאַראייניגטע אידישע איינוואוינער אין בלומינגראוו



בריוו וואס איז געשיקט געווארן צו היימישע אייגענטומער פון די טענעזשער דעוועלאפמענט

# וואך פון הרחבת גבולי הקדושה פורצת גבולים אין בלומינג גראוו!

בעזרת השם יתברך! תושבי בלומינג גראוו האבן בייגעוואוינט א וואך מלא רגש און התחזקות, ווען די הרחבת גבולי הקדושה טוען איבעררינען אלע מאסן ב"ה בכחו ובזכותו של רביה"ק זי"ע.

וכה יתן ה' וכה יוסיף להרבות פעלים, להרחיב גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית השם, אנצוגיין ווייטער להגדיל תורה ולהאדירה און צו קענען גיין מחיל אל חיל ומוסיפין והולכין בקודש, ובשם השם נעשה ונצליח!

# שב"ק פרשת חקת-בלק

בשעה טובה ומוצלחת האט מען באנייט דער נייע בית המדרש ד'קהל יטב לב אויף 68 דועלק עוועניו. דורכאויס דעם גאנצן שב"ק, האט געשוועבט אין די לופטן א דערהויבענע מצב פון כל ברכאן דלעילא ותתא, ביומא שביעא תליין.

במוצאי יום מנוחה! אום מוצאי שב"ק, איז כ"ק מרן אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א געקומען באשיינען דעם הערליכן מעמד המרומם פון קביעת מזוזה צוזאמען מיט הגה"צ אבד"ק קיט"ל בלומינג גראוו ק"י שליט"א באגלייט מיט די ראשי הקהילה נדיבים און עסקנים פון דאהי און פון קרית יואל, ווי עס האט זיך אנגעזען א הערליכער אויבן אן פון רבנים, מורי הוראה און א ריזן ציבור פון אנשי שלומינו, און נגידי בית סאטמאר און ווי אויך א שיינער עולם מחשובי תושבי עירינו כ"י.



# זונטאג פרשת פינחס

זונטאג נאכמיטאג, איז פארגעקומען א מעמד הנחת אבן הפינה בראשות מנהיגי ורבני עירינו, על שטח בית המדרש החדש והמפואר דקהל אנשי לעיק שאור, עס האט זיך אנגעזען ביים מעמד פילע אדמורים ורבנים וועלכע זענען געקומען צו פארן סיי פונעם שטאט און סיי פון אנדערע געגענטער.





ביים מסיבה האבן אויך אנטייל גענומען א גאר קאלירפולע עולם, וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו באטייליגן און מיטפרייען כאיש אחד בלב אחד מיט די שמחה, דער אייגנארטיגער מעמד האט ריכטיג ארויסגעברענגט די אמת'דיגע הערליכע קאלירן פון אונזער חשוב'ע און הייליגע שטאט בליעה"ר.

# דינסטאג פרשת פינחס

דינסטאג ביום ג׳ שנכפל בו כי טוב, איז פארגעקומען א הערליכער מעמד יציקת הבורות פארן מקוה אינעם נייעם בית המדרש הגדול דקהל יטב לב, אויף 31 מעריוואלד לעין, בהשתתפות כ״ק מרן אדמו״ר מ׳סאטמאר שליט״א.

דער מעמד איז געווען משולב מיט דעם התמנות פונעם נייעם דיין שליט״א פאר׳ן בית המדרש, ווי עס האט זיך אנגעזען א גאר רייכער אויבנאן פון רבנים, אדמורי״ם און ראשי ישיבות, ווי אויך א פילקעפיגער ציבור פון אנשי שלומינו, אישי הציבור ונדיבי בית סאטמאר, סיי פון דאהי, סיי פון קרית יואל און סיי פון די סיטי, וועלכע זענען זיך געקומען משתתף זיין ביי דער גאר דערהויבענע מעמד.





## בזמן שהצדיק בעיר, הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה

# בלומינג גראוו לעבט מיט לעכטיגע זומער וואכן בצילא דמהימנותא פון כ״ק מרן אדמו״ר מצאנז זמיגראד שליט״א

בלומינג גראוו ווערט פארוואנדלט ווי יאר יערליך אלס ״תל תלפיות״ פאר חסידים ואנשי מעשה וואס ווארעמען זיך לאורו הבהיר פון צאנז זמיגראדער רבי׳ן שליט״א וועלכער איז קובע מקום משכן קדשו בתוכינו תושבי העיר אינאיינעם מיט הונדערטער אידן פון אומעטום, וועלכע קומען פון דער נאנט און ווייט, זיך מסתופף זיין בצל הקודש און זיך מזכיר זיין בדבר ישועה ורחמים, האבן די זעלבע הרגשה פון ״איש קדוש עובר עלינו תמיד״, האבנדיג די זכי׳ צו מיטלעבן פון דער נאנט די עבודת הקודש וואס פארשיינט אונזער שטאט - והארץ האירה מכבודו.

הייליגע תפלות שב״ק און דערהויבענע עריכת השלחנות, רעוא דרעוין און מלוה דמלכה זענען א חטיבה אחת פון התרוממות הנפש צו באלייכטן אידישע הערצער מיט דעם נועם קדושת השב״ק מבואו ועד צאתו.

כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א דער מנהיג רוחני דא אין שטאט באגלייט ווי שטענדיג די פעולות לטובה פון די ״יו. זשעי. סי.״, די שליחי הציבור פון אלע קהלות הקודש, וועלכע האבן שטענדיג אן אפן טיר ליהנות ממנו עצה ותושי׳ און זיך שואל זיין בעצתו ובדעתו דעת תורה על כל צעד ושעל ולהתברך מברכותיו הטהורות.

כותלי בית המדרש יוכיחו! צענטראלער בית המדרש המפואר ״צאנז זמיגראד״ שפרודלט און ווירבלט מיט אנגייענדע מנינים פון שחרית מנחה ערבית און טעגליכע שיעורים בתורה אויף א קביעות׳דיגן פארנעם.

# נאכאנאנדע הרחבת גבולי הקדושה אין שטאט בביהמ"ד אמרי פינחס קאריץ





דעם פארגאנגענעם מאנטאג איז קהל אמרי פינחס קאריץ, בראשות דעם רב שליט"א, געגאנגען צום קומענדיגן שטאפל, צו אויפבויען דער נייע בית המדרש המפואר פינת יקרת לתורה ולתפילה.

אין די פארגאנגענע וואכן האט מען אויסגעגראבן דעם גאנצן שטח און בשעה טובה ומצלחת איז די וואך פארגעקומען דער מעמד יציקת היסוד און הנחת אבן הפינה.

די בית המדרש וועלכע איז קווארטירט אויפן ווינקל פון דאללאס און פיין היילל, אנטשפרעכט צו זיין א צענטער פאר די גאנצע ארומיגע אומגעגנט, פאר תורה ותפילה וחסידות, אזוויי יעדער איז שוין געוואוינט וויאזוי די רב לייגט אריין א געוואלדיגע ארבעט, ספעציעל מיט די בחורי הישיבות מיט א יגיעה רבה, ממש אין א בחינה פון תלמידים קרואים בנים. די ארבעט גייט אן מיט די פולסטן גאלאפ פאראויס און עס איז ערווארטעט אז אין די קומענדיגע טעג, וועט מען שוין גיסן די בורות המקוה.

מיר קוקן אלע ארויס, אז מען זאל שוין בקרוב קענען וואונטשן דעם השלם זה הבנין, אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה!


ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ אנ"ש לרגל בואם להשתקע בעירינו בלומינג גראוו

הרה"ג ר' **שמואל לייטנער** שליט"א
בן הרה"ג ר' **נפתלי דוד**
וחתן הגה"צ ר' **זלמן לייב פילאפף**
**דומ"ץ קיט"ל סאטמאר מעריוואלד**

ר' **לייבוש פארקאש** הי"ו
ב"ר **דוד** - וחתן ר' **שלמה אפרים סאנדל**

ר' **ארי' ווערצבערגער** הי"ו
ב"ר **חנני' שמואל** - וחתן ר' **שלמה יקותיאל הערשקאוויטש** הי"ו

ר' **יעקב נתן ברילל** הי"ו
ב"ר **אפרים כתריאל** - וחתן ר' **יעקב יודא לעבאוויטש**

ר' **משה הורוויץ** הי"ו
בן הר"ר **יודל** וחתן הר"ר **שלמה לאבין** (לאנדאן)

ר' **חיים** בר"מ **שווארץ** הי"ו
ב"ר **משה** וחתן ר' **אברהם מאיר כ"ץ**

ר' **שלום דוב טענענבוים** הי"ו
בן הר"ר **שלמה זלמן** - וחתן ר' **נטע ווייס**

ר' **יוסף ווייס** הי"ו
ב"ר **שמעון** - וחתן ר' **דניאל פאלאטשעק**

ר' **מרדכי הערש פישער** הי"ו
ב"ר **יעקב יודא** וחתן ר' **נפתלי דייטש**

ר' **יצחק אייזיק ווייס**
ב"ר **אהרן** וחתן ר' **יוסף קאהן**

ר' **דוד פליישמאן** הי"ו
ב"ר **ברוך הערש**

ר' **יואל הערשקאוויטש** הי"ו
ב"ר **משה אפרים** וחתן ר' **אהרן זאב גלויבער**

ר' **דוד ברוין** הי"ו
ב"ר **יואל** - וחתן ר' **יעקב מנחם מערמעלשטיין**

ר' **יו"ט טירנויער** הי"ו
ב"ר **שמואל מרדכי** וחתן ר' **יואל אבראמאוויטש**

ר' **משה עמרם ליבערמאן** הי"ו
ב"ר **מנחם** וחתן ר' **יוסף שמואל ראזענפעלד**

ר' **ליפא וואלדמאן** הי"ו
ב"ר **אשר יקותיאל יודא** וחתן ר' **נתן מאיר שמילאוויטש**

ר' **ישעי' אהרן נויאוויטש** הי"ו
ב"ר **וואלף** וחתן ר' **נטע וואלף הירש**

ר' **נחמי' עקשטיין**
ב"ר **שלום מאיר** וחתן הר"ר **מאיר צוויבל**

ר' **אברהם קרויס** הי"ו
ב"ר **יצחק אייזיק** - וחתן ר' **הערשל מאן**

ר' **יואל ענגלענדער** הי"ו
ב"ר **ישעי' בנימין** - וחתן ר' **אלטער פאלקאוויטש**

ר' **זושא פריעד** הי"ו
ב"ר **אברהם הערש** וחתן ר' **יואל אלכסנדר שטערן**

ר' **יוסף יונה פערלמאן** הי"ו
ב"ר **מרדכי** וחתן ר' **משה מרדכי פריעדמאן**

ר' **שמעון אינדיג**
ב"ר **נפתלי יודא** וחתן הרה"ג ר' **אברהם מרדכי ראטה**

ר' **ברוך מרדכי בידערמאן** הי"ו
ב"ר **משה** וחתן ר' **שלמה מאיער** הי"ו

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

כ"ק **אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
ולבנו הרה"צ ר' **חיים שלמה** שליט"א
ולנכדו הר"ר **מרדכי** שליט"א
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ הבה"ח בנציון הי"ו

ולנכדו הר"ר **אברהם** שליט"א
לרגל הולדות בנו למז"ט

ולחתנו הרה"ג ר' **חיים מאיר גרינוואלד** שליט"א
אבד"ק טעטש
לרגל הולדת נכדו

הגה"צ ר' **אפרים הערש שמילאוויטש** שליט"א
**אבד"ק קרעמניץ**
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

הגה"צ ר' **יושע מרדכי לייפער** שליט"א
**אדמו"ר מבאניע**
לרגל אירוסי בנו ובתו והולדת נכדתו למז"ט

הרה"ג ר' **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
**ראה"כ תורה ויראה ד'סאטמאר קליימער סטריט**
לרגל אירוסי בתו והולדת נכדו למז"ט

הרה"ג ר' **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
**דומ"ץ בית יעקב דקהל יטב לב סאטמאר**
לרגל אירוסי בתו והולדת בתו למז"ט

הרה"צ ר' **אהרן דוד הורוויץ** שליט"א
**אדמו"ר מזאבליטוב**
לרגל אירוסי בנו למז"ט

הרה"ג ר' **יחזקאל גרינפעלד** שליט"א
לרגל אירוסי בתו למז"ט

הרה"ג ר' **צבי יעקב בריזל** שליט"א
**אב"ד ביהמ"ד לעיק שארר**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

הר"ר **יודל הארוויץ** שליט"א
**ממעליץ בלומינג גראוו**
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שמשון אליעזר מינץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **מענדל ראזענבערג** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יצחק קוביטשעק** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **אליעזר צבי ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יוסף ברוך רייך** הי"ו
לרגל הולדת נכדיו למז"ט

הרב **נתנאל מנחם דייטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יהוסף שווארץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **דוד יצחק קליין** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו
**דעפיוטי מעיאר**
לרגל הולדת נכדתו
והכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט

הרב **שמואל הערש ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **יוסף גאטהערער** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **יוסף סאנדל** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו ונישואי בתו למז"ט

ר' **אלכסנדר גרינוואלד** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **שמעון ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **שמחה חיים סאנדעל** הי"ו
לרגל אירוסי נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **יודל נאה** הי"ו
לרגל נישואי נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **אברהם בער יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט

הה"ג ר' **דוב בערל מרגליות** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **שמואל ברוך הכהן קאהן** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **ציון עובדי' מאסרי** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **משה קרויס** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **שמואל יצחק שפיצער** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **אברהם שמחה געלב** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **יצחק אייזיק שניצלער** הי"ו
לרגל אירוסי בנו והכנסת בנו לעוהתומ"צ

הר"ר **משה מנחם הורוויץ** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יקותיאל שמשון שווארץ** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **מאיר יעקב פאלאטשעק** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **גדלי' אפפעל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **דוד משה צבי בערקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **פישל גאלדשטיין** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **אלכסנדר טענענבוים** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **שמואל זאב לאנדא** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יואל ברוין** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **דניאל שאלאלאף** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **אפרים זעלקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יעקב מנחם מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יוסף שמואל ראזענפעלד** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יואל סאאל** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יואל שווארץ** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יואל ווערצבערגער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יצחק אביש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יוסף דוד קויפמאן** הי"ו
לרגל הולדת בניו התאומים למז"ט

ר' **אלימלך היללער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים גליק** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעון ראטה** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אברהם אבא גרינהוט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הה"ג ר' **מאיר שמילאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

ר' אשר יעקב שווארץ הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' מאיר הערש שטיין הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' אלי' ניימאן הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' יצחק אייזיק ראזענבערג הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' בנציון לעווי הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' ישראל חיים דאסקאלאוויטש הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' יואל נחום אייזיקאוויטש הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' ברוך דוד סאמעט הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' יושע ליבערמאן הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' משה יואל פעקעטע הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' אלי' נייםאן הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' ישראל מרדכי פילאפף הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' משה יודא גאלדבערגער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

הה"ג ר' אברהם יצחק שמילאוויטש הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' פנחס פריעד הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יושע אלימלך ביטמאן הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יעקב אלימלך אייזענבערג הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' אליעזר יחזקאל שווימער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' אליעזר ווייס הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' אברהם קלעפנער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' ישראל חיים הירש הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' גדלי' אפפעל הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' אהרן נחום קאהן הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' נתן נטע פירטה הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' שמואל יודא מאיר יאראסלאוויטש הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יודל וויינבערגער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' צבי אלימלך שמילאוויטש הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' חיים ברוך דיימאנט הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' שלמה אפפעל הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' נתן קארפיל מרגליות הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' ירמי' ראזענבערג הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' מענדל מאיר ווייס הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יוסף בר"ש ווייס הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' אברהם שלמה האלפערט הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' שלמה יחיאל טירנויער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' אהרן יואל ראלניצקי הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יואל (בראי"י) בינער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

הה"ג ר' אפרים אשר פאללאק הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

הר"ר נפתלי שכנא בערגער הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' משה פריעד הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' קלמן וואלף הערשקאוויטש הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' מאיר הכהן גראס הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' חיים יעקב גאלדשטיין הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' אליעזר זאב שטעטסל הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' אלימלך דוב אראן הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' משה מנחם פאלקאוויטש הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יואל שעהר הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' אליעזר אפפעל הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יודל פיינגאלד הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' מאיר הכהן גראס הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' אלעזר גרובער הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' שלמה יודא איידליס הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' לייבל קופטשיק הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יואל אשר ראזענבערג הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' ישראל שלום קויפמאן הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' משה יהושע פאזען הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' חיים מאיר וויינשטאק הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' שלום שכנא בערגער הי"ו
לרגל הולדות בנו למז"ט

ר' יוסף גאטהעלער הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יואל סאאל הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

יזכו כולם לראות רב
נחת דקדושה מתוך
הרחבת הדעת




**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949